**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול פארברייט צוטריט צו לעבענסרעטונג איבערדאזע עמערדשענסי קיטס אין דאמעסטישע געוואלדטאן פראגראמען לענגאויס ניו יארק**

***הילף פאר איבערלעבער פון דאמעסטישע און נאנטע פארטנער געוואלדטאטן, וועלכע זענען ביי פארמערטער ריזיקע פון איבערדאזע.***

***זעצט פאר ניו יארק'ס עפארטן צו אדרעסירן אפיאד און איבערדאזע עפידעמיע אריינגערעכנט צושטעלענדיג באלד 700,000 נאלאקסאנע קיטס לענגאויס די סטעיט, מאכענדיג מער פון 335 מיליאן דאלאר אין אפיאד סעטעלמענט פאנדס פארהאנען, און ארויסשיקענדיג מאבילע יוניטס און אנדערע פרישע סטראטעגיעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז דאמעסטישע געוואלדטאטן שעלטערס און סערוויס פראוויידערס איבער ניו יארק סטעיט וועלן יעצט האבן צוטריט צו אומזיסטע איבערדאזע עמערדשענסי קיטס נאכפאלגענדיג א צוזאמארבעט צווישען די ניו יארק סטעיט אפיס פאר די פארמיידונג פון דאמעסטישע געוואלדטאט ( Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV), די אפיס פון אדיקציע סערוויסעס און שטיצע ( Office of Addiction Services and Supports, OASAS) און די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( Office of Children and Family Services, OCFS). די קיטס זענען ערמעגליכט געווארן דורך פראיעקט קאופ (געמיינדע איבערזאגע פארמיידונג בילדונג), א סובסטאנץ עביוז און גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס אדמיניסטראציע (Substance Abuse and Mental Health Services Administration, SAMHSA) גרענט-פאנדעד איניציאטיוו.

"די אפיאד און איבערדאזע עפידעמיע האט געווירקט אויף פיל צו פיל ניו יארקער," **גאווערנער האקול האט געזאגט** "צוזאמען מיט שעדיגונג פארמינערונג, פארמיידען און באהנדלונג פראגראמען, די פארברייטעטע צוטריט צו לעבענסרעטונג איבערדאזע עמערדשענסי קיטס אין דאמעסטישע געוואלדטאט פראגראמען וועלן ראטעווען לעבענס, און אונז וועלן ווייטער פאקוסירן סטעיט רעסארסן צו אדרעסירן די איבערדאזע עפידעמיע עפעקטיוו און מיט מיטגעפיל."

די איניציאטיוו זעצט ווייטער פאר גאווערנער האקול'ס אגרעסיווער, אנגייענדע עפארטן צו אדרעסירן די אפיאד און איבערדאזע עפידעמיע. איבער די לעצטע 18 מאנאטן, ניו יארק האט פארטיילט באלד 700,000 איבערדאזע עמערדשענסי קיטס איבערן סטעיט, אריינגערעכנט אסאך דורך ניו יארק'ס ערשטע-אין-פאלד אנליין [באשטעלונג פארטעל](#).

אן איבערדאזע עמערדשענסי קיט איז א וואנט-געהאנגענע אייזענע שאכטל וואס ענהאלט נאלאקסאן, די צעדעצין וואס טוט געשווינד צוריקדרייען אן אפיאד איבערדאזע. אלץ א טייל פון דעם פרישע איניציאטיוו, רעזידענטשעל דאמעסטישע געוואלדטאט פראוויידערס קענען פלאצירן א קיט אין זייער שעלטערס אזוי אז איינוואוינער און איינגעשטעלטע האבן צוטריט צו די לעבענסרעטענדע מעדיקאציע. אויך אריינגערעכנט אין די שאכטעלעך זענען טרענירונג רעסארסן פארן אדמיניסטרירן נאלאקסאן. אין צוגאב, פראיעקט קאופ שטעלט צו אומזיסטע טרענירונג פאר דאמעסטישע געוואלדטאט פראגראם באאמטע איבער שעדונג פארמינערונג און איבערדאזע פארמיידונג.

פארש האט נאכגעזאגט גרויזן א שטארקע פארבינדונג צווישן דאמעסטישע געוואלדטאטן און סובסטאנץ באנוץ. איין ביישפיל איז דורך סובסטאנץ באנוץ דראאונגען, א שטארק פאארהאנען אבער אינטעראנערקענטע פארם פון אביוז וואס שטעלט א סיגניפישע געפאר פאר איבערלעבער. אין צוגאב, שטודיעס ווייזן מענטשן וואס זענען עביוזד זענען מער ווארשיינליך צו נוצן סובסטאנצען אלץ א וועג זיך אן עצה צו געבן מיט עביוז פארבינדענע טראומא און פיזישע שעדיגונג. איבערלעבער גיין אריבער אייגענארטיגע ריזיקע פאקטארן וואס לייגט זיי ביי פארמערטע ריזיקע פון איבערדאזע, אריינגערעכנט סאושעל סטיגמעס צו סיי איבערלעבער און סובסטאנץ באנוץ וואס קענען שאפן גרויסע שטערונגען צו האבן צוטריט צו באהאנדלונג. די מיינט אז פילע איבערלעבער קענען נישט שאפן לעבענסרעטונג איבערדאזע פארמיידונג געצייג ווי נאלאקסאן. דאמעסטישע געוואלדטאטן פראגראמען זענען אייגענארטיג אויסגעשטעלט צו פארמאכן דעם לאך דורכן צושטעלן נאלאקסאן אויפן פלאץ פאר איבערלעבער.

דורך די צוזאמארבעט, OPDV, OASAS און OCFS האפן אנצוקומען צו איבערלעבער פון דאמעסטישע און נאנטע פארטנער געוואלדטאטן וועלכע וואלטן אנדערש קיינמאל נישט געהאט קיין צוטריט צו לעבענסרעטונג רעסארסן ווי נאלאקסאן צוליב די פילע שטערונגען זיי זענען אויסגעשטעלט צו.

אין צוגאב צו דעם עפארט, ניו יארק זעצט פאר מיטן אדרעסירן די אפיאד און איבערדאזע עפידעמיע דורך:

1. פירן דעם פאלק דורך מאכן מער פון 335 מיליאן דאלאר אין אפיאד סעטעלמענט פאנדינג פארהאנען צו שטיצן א פולע טוך פון פארמיידונג, באהאנדלונג, שעדיגונג פארמינערונג, און ערהאלונג איניציאטיוון אין ניו יארק סטעיט. די פאנדינג ווערט פארטיילט לויט די פריאריטעטן פון די אפיאד סעטעלמענט פאנד ראטונג באורד.  מער אינפארמאציע וועגן די איניציאטיוון די פאנדינג טוט שטיצן איז צום באקומען [דא](#).

1. שאפענדינג מאבילע יוניטס וועלכע ברענגן סערוויסעס דירעקט צו מענטשען אין זייער געמיינדעס, צושטעלענדיג אננעמונג אפשאצונגען און מעדיצינען אינדוקציע פאר אלע סארטן MAT, מעדיצין אדמיניסטראציע און אבזערווירונג, טאקסיקאלאדשי טעסטס און אנדערע מעדיצינישע סערוויסעס. זיי זענען אויסגעשטעלט אנצוקומען צו מענטשן וועלכע שענען אויסגעשטעלט צו שטערונגען צו האבן צוטריט צו טראדיציאנאלע שטיין-און-צעמענטע לאקאציעס.

1. ארויסשיקענדיג אוטריטש און באשעפטיגונג סערוויס הילף טיעמס וועלכע פארבינדען הויכע-ריזיקע אינדיווידואלן און פאפיולאציעס צו שעדיגונג פארמינערונג און באהאנדלונג סערוויסעס און שטעלן צו געזונטהייט בידלונג.

1. אוועקשטעלענדיג סערטיפירטע געמיינדע אויפירונג געזונטהייט קליניקס ( Certified Community Behavioral Health Clinics, CCBHCs) צושטעלן א טוך פון קארדינירטע סערוויסעס צו אדרעסירן סובסטאנץ באנוץ און/אדער גייסטישע געזונטהייט, אריינגערעכנט קריזיס אינטערווענירען, איבערקוקן און אפשאצן, און באהאנדלונג פלאנירונג.

1. עפענען קריזי סטאבילאציע צענטערן צוצושטעלן שטיצע, הילף און דרינגענדע צוטריט צו באהאנדלונג פאר אינדיווידואלען וואס גיין אדורך א קריזיס סיטואציע פארבינדען צו סובסטאנץ באנוץ און/אדער א גייסטישע געזונטהייט פראבלעם. די פראגראמען העלפן אינדיווידואלן וועלכע גיין אדורך א גייסטישע געזונט אדער סובסטאנץ באנוץ קריזיס 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך.

**OASAS קאמיסיאנער דאקטאר טשינאזא קאנינגהעם האט געזאגט,** "מענטשן אין דאמעסטישע געוואלדטאטן סיטואציעס קענען זיין ביי א פארמערטע ריזיקע פון סובסטאנץ באנוץ, און עס איז וויכטיג אז אונז ארבעטן

אנצוקומען צו זיי מיט אינפארמאציע און רעסארסן זיי צו העלפן בלייבן פארזיכערט. די נאקסאלאן וואס קומט מיט די קיטס איז איינס פון די וויכטיגסטע געצייג אונז האבן צו פארמיידן איבערדאזע טויט, און דורכן ארבעטן צוזאמען מיט אונזער צוזאמארבעטער צו מאכן מער צוטריט צו די מעדיקאציע, וועט עס העלפן ראטעווען לעבענס איבער ניו יארק."

**OCFS קאמיסיאנער דארטאר דא'מיא העריס-מעדען האט געזאגט,** "די צוזאמטרעף צווישן דאמיסטישע געוואלדטאטען און די אפיאד אפידעמיע שאפט פילזייטיגע שוועריגקייטן פאר סיי איבערלעבער וועלכע זוכן שיץ און די דאמעסטישע געוואלדטאטן פראוויידער געמיינדע וועלכע זענען פארפליכטעט צו העלפן איבערלעבער. מיט די צושטעלונג פון די אומזיסטע עמערדשענסי איבערדאזע קיטס, צוזאמען מיט די ריכטיגע טרעינירונג און רעסארסן, דאמעסטישע געוואלדטאטן פראוויידערס וועלן האבן די מעגליכקייט צו ענטפערן צו אפיאד עמערדשענסיס און ראטעווען לעבענס."

**OPDV עקזעקעטיוו דירעקטאר קעלי אווענס האט געזאגט,** "טראץ דעם וואס ניו יארק איז א פירער ווען עס קומט צו איבערלעבער-צענטירט, טראומא-אינפארמירט און קולטורישע רעספאנסיוו רעסארסעס און סערוויסעס פאר איבערלעבער פון נאנטע פארטנער געוואלדטאטן, אונז זוכן אייביג פאר נייע וועגן זיי צו העלפן אויף זייער היילונג רייזע. געבן אונזער פראוויידער מיטארבעטער די עמערדשענסי איבערדאזע קיטס, און די טרענירונג זיי צו נוצן, העלפט צו ווייזן איבערלעבער אז אונז זענען פארפליכטעט צו זייער וואויל-זיין און אלגעמיינגע געזונט."

**דירעקטאר פון וויקטים סערוויסעס ביי קינד און פאמיליע סערוויסעס פון אירי קאונטי טיפעני פאוואנע האט געזאגט,** "אלץ א דאמעסטישע געוואלדטאטן פראוויידער, העווען היים האט געזעהן די ווירקונג פון די אפיאד עפידעמיע. דראג אנגעוויזענקייט פארמערט די ריזיקע פון ווערן אויסגענוצט און פילע עביוזערס נוצן סובסטאנץ באנוץ אלץ א קאנטראל מעקאניזעם. די איבערדאזע פארמיידונג טרענירונג און עמערדשענסי קיטס וועלן העפן פארזיכערן אונזער אדוואקטן, סיי ביי אונזער שעלטער און אין די געמיינדע, זענען גרייט צו אנערקענען א מעגליכע איבערדאזע און צו געבן לעבענסרעטענדע באהאנדלונג ווען געדארפט."

**עקזעקעטיווע דירעקטאר פון די ניו יארק סטעיט קאליציע קעגן דאמעסטישע געוואלדטאטן קאנני ניעל האט געזאגט,** "דורך פראיעקט קאוף, דאמעסטישע געוואלדטאטן אדוואקאטיע פראגראמען איבער די סטעיט פון ניו יארק וועלן באקומען פארברייטעט צוטריט צו איבערדאזע פארמיידונג טרענירונג און רעסארסן. פיל צו פיל איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדטאטן גיין אדורך סיגניפישע טראומא און זענען טיילמאל ביי פארגרעסטע ריזיקע פון סובסטאנץ באנוץ. פילע איבערלעבער ווערן אויך באדראוט צו סובסטאנץ באנוץ אלץ א טאקטיק פון דאמעסטישע געוואלדטאטן. אן א צווייפל, די קריטישע לעבענסרעטענדע געצייג און סטראטעגיעס פאר שעדיגונג פארמינערונג און איבערדאזע פארמיידונג וועט מאכן א געוואלדיגע אונטערשיד פאר אומצאליגע איבערלעבער פון דאמעסטישע געוואלדטאטן אין אונזער סטעיט."

**AVP פון שעדיגונג פארמינערונג ביי עורגרין געזונטהייט סיסטעם עממא פאביאן האט געזאגט,** "עס איז באגריסענדע גוטע נייעס אז דאמעסטישע געוואלדטאטן שעלטערס איבער די סטעיט וועלן זיין אויסגעשטעלט מיט נאלאקסאן. דורכאויס דעם אומפרעצענדירטע איבערדאזע קריזיס, אונז דארפן זיך באנוצן מיט יעדער אפציע פארהאנען צו פארמינערען שעיגונג און טויט, ספיציעל אין ענוויראמענטן וואו אויסגעשטעלטע אינדיווידואלן און פאמיליעס באקומען באהאנדלונג. באזירט אויף דעם צאמטרעף פון סובסטאנץ באנוץ, סאושיעלע זאכן וואס מאכן אפ געזונטקייט און טראומא, דעס איז א פאפיולאציע וועלכע דארף האבן גלייך גרייטע געצייג ווי נאלאקסאן."

**דעפוטי דירעקטאר פון מאמעס & בעיביס פעריגאטאל נעטווארק קריסטי פינטש האט געזאגט,** "צושטעלענדיג לעבענסרעטענדע איבערדאזע פארמיידונג סופלייס שטימט מיט יעדער איינער. די נייע מאמעס מיט וועם אונז ארבעטן זענען ספיציעל דאנקבאר פאר די אומזיסטע סופלייס און זיך אויסצולערנען וויזוי זיך צו באנוצן מיט זיי, וועלכע איז אין ריזיקע פון אומוויליגע איבערדאזע (אריינגערעכנט קינדער וועלכע קענען אומוועלענדיג האבן צוטריט צו מעדעצינען נישט געמאכט פאר זיי), און וויאזוי צו האלטן זיך און זייער פאמיליעס זיכער. צושטעלענדיג צוטריט צו איבערדאזע פארמיידונג סופלייס אין דאמעסטישע געוואלדטאטן שעלטערס, וואו פאמיליעס זענען מערסט אויסגעשטעלט און קענען זיין מעגליך אויסגשטעלט צו מעגליכע שעדליכע אנגיין סטראטעגיעס, איז די קומעדיגע שריט אין אייניגע צוטריט צו די לעבענסרעטענדע מעדעצין."

ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך מיט אן אדיקשען, אדער וועמענס באליבטע מוטשענען זיך מיט אן אדיקשען, קענען טרעפן הילף און האפענונג דורכן אנרופן די סטעיט'ס אומזיסטע HOPE האטליין, 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער דורכן טעקסטן צו 467369 (וואס שטייט פאר HOPENY).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן